# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת בלק תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 490



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'יתגבר כארי' - אקעגן די טבע

"הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא לֹא יִשְׁכַּב עַד יֹאכַל טֶרֶף וְדַם חֲלָלִים יִשְׁתֶּה" (כג כד)

**רבי יעקב בעל הטורים** הייבט אן די ארבעת הטורים (או"ח א) מיט די באקאנטע ווערטער פון דער תנא יהודה בן תימא (אבות ה כ): "הוי עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגיבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים" און פירט אויס:" דערפאר דארף דער מענטש זיך שטארקן ווי א לייב אויפשטיין אינדערפרי צו עבודת הבורא".

פרעגט דער **'חידושי הרי"מ'**: פארוואס האט דער טור אויסדערוועלט צו ברענגען ווי א ראי' צו זיין הוראה די ווערטער פון דער תנא און נישט אונזער פסוק: "הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא". איבערהויפט אז דער תנא רעדט נישט ספעציעל אויף די ענין פון אויפשטיין נאר אויף אלע ענינים: "לעשות רצון אביך שבשמים", אין דער צייט וואס דער פסוק רעדט באזונדער פון אויפשטיין אינדערפרי (תנחומא יד, הובא ברש"י)?

ענטפערט ער: דער פסוק "הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא" איז נישט געזאגט געווארן ווי א באפעל, נאר ווי א נבואה וואס בלעם האט געזאגט אויף די מידה וואס איז איינגעבאקן אין די אידן, זיך שטארקן ווי א לייב אויפשטיין צו עבודת ה'. אבער, וויבאלד די מידה איז געבליבן איינגעקריצט נאר אין די צדיקים, ווייל זיי זענען נישט נכשל געווארן מיט עבירות, איז זייער הארץ שטארק ווי א לייב אקעגן די איינרעדענישן פונעם יצר הרע, האט יהודה בן תימא געזאגט פאר די אלע וואס צוליב זייערע זינד האבן פארלוירן די נאטור, אז טראץ דעם זאלן זיי נישט אונטערפאלן אונטערן יצר הרע, נאר זיך שטארקן ווי א לייב אויפשטיין פרי צו עבודת הבורא. דערפאר האט דער טור אוועק געשטעלט זיין באפעל זיך צו שטארקן ווי א לייב אויף די ווערטער פון דער תנא, און נישט אויפן פסוק וואס רעדט פון צדיקים, וואס די מידה איז איינגעבאקן אין זיי.

'ספר הזכות' או"ח א א

### רעכענען לויט די צייט וואס מ'האט אנגעהויבן

"נְאֻם שֹׁמֵעַ אִמְרֵי אֵ-ל וְיֹדֵעַ דַּעַת עֶלְיוֹן" (כד טז)

צו פארשטיין דער פסוק: "וְיֹדֵעַ דַּעַת עֶלְיוֹן" ברענגט רש"י די גמרא (ברכות ז א) וואס זאגט אז בלעם האט געקענט צוטרעפן די 'רגע' וואס הקב"ה איז אין צארן, און האט פלאנירט זיי צו שעלטן אין די 'רגע', וויסנדיג אז אויב ער וועט זיי דעמאלט שעלטן, וועט די קללה חל זיין, אבער הקב"ה האט צושטערט זיין בייזוויליגן פלאן דורכדעם וואס אין לויף פון יענע טעג האט הקב"ה זיך נישט גערעגט.

אין די גמרא דארטן איז ערקלערט איז די צייט פון 'רגע' איז 'כמימריה', ד.מ. אזוי ווי די צייט פון זאגן דיווארט 'רגע'. פרעגט **תוספות** (שם ד"ה שאלמלי) וואספארא קללה וואלט בלעם געקענט זאגן אין אזא קורצע צייט? ענטפערן זיי, אז ער האט געקענט זאגן: "כַּלֵּם!". נאך ענטפערן זיי, אויב וואלט ער אנגעהויבן שעלטן אין די סקונדע, וואלט ער געקענט ממשיך זיין צו שעלטן אויך שפעטער.

**רבי אריה צבי פרומער** פון קוזיגלוב שרייבט, אז לויט דעם צווייטן תירוץ פון תוספות האט דער **יהודי הקדוש פון פשיסחא** מלמד זכות געווען אויף די וואס הייבן אן דאווענען נאנט צו סוף זמן תפילה, כאטש זיי זענען ממשיך זייער תפילה נאך סוף זמן תפילה, ווערט עס גערעכנט פאר זיי כאילו זיי האבן געדאוונט די גאנצע דאווענען אין זמן תפילה. ווייל אויב ביי די קללה זאגן די חכמים אז עס וואלט גענוג געווען אז בלעם וואלט אנגעהויבן ווען הקב"ה איז אין צארן, על אחת כמה וכמה ביים דאווענען, ווייל "מידה טובה מרובה ממידת פורענות" (סוטה יא א).

אבער מען דארף אנצייכענען אז פון דער **'מגן אברהם'** (קי א, וראה פמ"ג שם א"א א) זעהט אויס אז 'תפילה בזמנה' איז נאר אויב מען האט געענדיגט דאווענען פאר סוף זמן תפילה. און אזוי פסק'נט דער 'שלחן ערוך הרב' און 'משנה ברורה' (שם א). און אויך **קוזיגלובער רב** האט נישט געברעגט די ווערטער פון יהודי הקדוש נאר אלץ לימוד זכות אויף די וואס פארשפעטיגן, אזוי ווי ער האט זיך אליינ'ס אויסגעדרוקט: "פארוואס זאלן מיר זיך ארייינלייגן אין אזא שוואכע תירוץ, ענדערשט איז צו מקיים זיין די גאנצע מצוה בזמנה".

'ארץ צבי' ח"א סי' קכא

## פתחו שערים

די ווארט פונעם
גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אויפשטיין פרי אויף ענטפערן אמן

אין די פרשה פון די וואך ליינען מיר דעם פסוק (במדבר כג כד): "הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא". אט די נבואה וואס איז געהערט געווארן פון בלעם'ס מויל איבער די שבח פון אידישע קינדער, ווערט פארטייטשט אין רש"י אויפן פלאץ: "כשהן עומדים משנתם שחרית, הן מתגברים כלביא וכארי לחטוף את המצוות; ללבוש טלית, לקרוא את שמע ולהניח תפילין".

פון אייביג אן איז מיר שווער געווען וואס איז די לשון "לחטוף את המצוות", אויף וועלכע מצוה איז עס געזאגט געווארן?

א צייט צוריק האט מיר איינער פון מיינע באקאנטע געזאגט אז אין ספר 'תולדות יעקב' וואס איינער פון די חכמי איטאליע האט פארפאסט העכער פיר הונדערט יאר צוריק, טוהט אויפמערקזאמען אויף די פאקט אז אין די סופי תיבות: "הן עם כלביא" איז מרומז די הייליגע ווארט אמן, און די ווארט "יקום" איז די אותיות 'ק' יום' - א רמז אויף די מאה ברכות וואס כלל ישראל איז מקפיד צו זאגן יעדן טאג. דער מחבר זאגט ווייטער, דער רמז קומט אונז לערנען, ווען בלעם האט געזעהן אז טראץ אלע זיינע פרואוונגען צו שעלטן די אידן, שטארקן זיי זיך אקעגן אים ווי א לייב, האט ער מודה געווען פאר בלק אז זיין גאנצע השתדלות איז געווען אומזיסט, ווייל זאגן יעדן טאג די מאה ברכות און ענטפערן אמן נאך די ברכות, באשיצט די אידן ער זאל זיי נישט קענען שעדיגן.

און אויב מיר רעדן פון 'אמן', פארשטייט מען זייער גוט די אויסדרוק 'לחטוף את המצוות', ווייל יעדן אינדערפרי ליגט אויף אונז א חיוב אויפשטיין פרי צו קומען אין שוהל א שטיק צייט פארן דאווענען, אין דער צייט וואס אסאך ברכות 'וואלגערן' זיך צווישן די מיילער פון די מתפללים, און דורך דעם קען מען 'ארייינכאפן' נאך און נאך אמנים... אזוי ווי דער לייב שטייט אויף אינדערפרי צו טרעפן זיין רויב צו האבן וואס צו עסן.

יא! אין די מצוה פון ענטפערן אמן איז זוכה נאר דער וואס שטייט אויפן וואך, אין די בחי' פון 'שומר אמונים', און ווארט צו הערן די ברכות פון דער מברך.

נאך א נקודה צום באמערקן: אויך דא אזוי ווי אין נאך אסאך פלעצער דערמאנט דער פסוק די רמז אויף ענטפערן אמן פארן דערמאנען די ברכות, לויט וואס די חכמים זאגן (ברכות נג א): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

לאמיר איינ'חזר'ן און געדענקען, אז מיט א קליינע אנשטרענגונג אויפשטיין פרי און קומען אין בית המדרש עטליכע מינוט פארן דאווענען, קענען מיר לייכט זוכה זיין צו אוצרות פון אמן, וועלכע וועלן אונז באשיצן פון די וואס זוכן אונז שלעכטס טוהן און וועלן משפיע זיין אויף אונז טייכן פון גוטס און גליק אגאנץ לעבן. אמן.

**מיט א רוף "הן עם כלביא יקום"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

לְעִלּוּי נִשְׁמַת אִמִּי מוֹרָתִי מָרַת דְּבוֹרָה בַּת הרה"ח ר' דֹּב מַרְמוֹרְשְׁטֵיין ע"ה

# א גרויסער אור אין זייער הויז

די פאלגענדע געשיכטע איז דערציילט געווארן דורכ'ן באקאנטער משפיע רבי אליהו ראטה זצ"ל, נאמן ביתו פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אין איינע פון די פילע שמועסן וואס ער פלעגט איבערגעבן פאר זיינע צוהערער איבער די חשיבות פון זאגן ברכות בכוונה ווי עס דארף צו זיין.

איין יאר איז אויסגעקומען פארן אור החיים הקדוש צו זיין א גאסט ביים סדר-נאכט ביי א עלטערע פאר-פאלק, איינפאכע און ערליכע מענטשן. אין דער צייט וואס ער איז געזיצן נעבן זיי, האט דער 'אור החיים' אויפמערקזאם געמאכט און זיך געוואונדערט אויף די ספעציעלע ליכטיגקייט וואס האט געשיינט פון זייערע פנימער, א ליכטיגקייט און א פייער וואס געווענליך קען עס נישט געזעהן ווערן אויף געווענליכע מענטשן.

צוליב זיין גרויסע קדושה, האט דער 'אור החיים' פארשטאנען אז עפעס ליגט דא פארבארגן, און איידער ער האט פארלאזט זייער הויז, האט ער געבעטן דעם בעל הבית זאל אים ערקלערן וויאזוי ער און זיין ווייב האבן זוכה געווען צו אזא ספעציעלע מעלה?

דער בעל הבית האט זיך אביסל פארטראכט, און דאן האט ער זיך דערמאנט אין א מעשה וואס לויט זיינע ווערטער קען זיין אז מיט וועט ער אפשר קענען צופרידן שטעלן דעם אור החיים הק':

"אלע יארן", האט דער בעל הבית אנגעהויבן, "זענען מיר מקפיד ביי אונז אין הויז זאגן ברכות הויעך אויפן קול, מיט א לעבעדיגקייט און א אנגענעמע שטימע, די הנהגה האט געהאט א פאזיטיווער ווירקונג אויף אונזער שטוב, און כאטש דער עקאנאמישער לאגע האט קיינמאל נישט געשיינט, האט עס נישט געווירקט אויף אונזערע קינדער'ס געמיטער און זייער לעבנספרייד, און מיר האבן זוכה געווען צו זען ווי זיי וואקסן אין תורה און יראת שמים ווי אונזער שטרעבן איז.

כאטש מיר זענען געווען צופרידן אין אונזער לעבן, זענען מיר מער צופרידן געווארן ווען איין טאג האט א גאסט געקלאפט אויף אונזער טיר. א איד מיט א שיינעם אויסזען, און א לאנגע ווייסע בארד באצירט זיין שיינעם געזוכט און א אויפפירונג וואס ווייזט ארויס זיין גוטהארציקייט און זיין ווילן צו העלפן.

דער מענטש איז אריין אין אונזער הויז און ווען ער האט דערזען די ארעמקייט אין וועלכן מיר האבן געלעבט האט ער זיך גאיילט עפענען זיין בערזל און אנטראגן זיין הילף. פון יענעם טאג און ווייטער איז ער געווען אונזער העלפער. מיר האבן נישט געקענט פארשטיין וואס ער האט פונקט געפונען ביי אונז, אבער מיר האבן זיך געפריידט מיט אלעס גוט'ס וואס ער האט אונז געשאנקען.

ער האט געזארגט אנצופילן אונזער הויז מיט א שפע פון פרישע און פיינע עסנווארג, ער האט אויפגעטוישט אונזערע ארימע און צעפאלענע מעבל מיט נייע מעבל פון א גוטע קוואליטעט, און אפילו געגעבן א שיינע סומע צו קויפן נייע און ווארימע קליידונג פאר אונזערע קינדער וואס ביז יעצט האבן זיך צוגעדעקט מיט דינע קליידער.

אין די קומענדיגע מאנאטן האט זיך מיטאמאל אונזער לעבן געענדערט, פון א שרייענדע ארעמקייט, צו א בליטשקעדיגע רייכטום. א קורצע צייט האבן מיר געפילט ווי מיר האבן באקומען א באזונדערע הימלישע ליכטיגקייט, דער מענטש האט איינגעקויפט אונזער פולשטענדיגן צוטרוי, אבער אין א געוויסע צייט האבן מיר אנגעהויבן אים פארדעכטיגן אין די ריינקייט פון זיינע כוונות.

עס איז געווען ווען דער מענטש האט אין איין טאג, צום ערשט מילד, און שפעטער מיט א פעסטקייט, אנגעהויבן אונז מוסר'ן און אונז פארלייגן זיין פארקרימטן רוחניות'דיגן וועג, ווען צום ערשט האט ער פראבירט אפשוואכן אונזער שטרענגקייט אין דעם ענין פון ברכות; ער האט גע'טענה'עט אז ס'איז נישט מענטשליך צו בענטשן הויך אויפן קול. 'דער אויבערשטער הערט אייך אפילו ווען ענק בענטשן שטיל...', האט דער מענטש געזאגט, 'עס פעלט נישט אויס צו שרייען'.


דער ציון פון 'אור החיים' הקדוש אויפן הר הזיתים אין ירושלים

כאטש דאס האט אונז פארדעכטיגט, זענען מיר, ווי עס זעהט אויס, שוין פארבלענדעט געווארן פון די גוט'ס וואס דער מענטש האט אונז געשאנקען, און א דאנק זיין אויסזען וואס האט אויסגעזען ווי פון א למדן וואס קען גוט לערנען, און זיינע ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן מיט א געשליפענעם צינג, האבן אנגעהויבן ווירקן אויף אונז. מיר האבן אין אנהויב פרובירט טענה'ן, אבער ווען מיר האבן פארשטאנען אז דער מענטש הענגט אן זיין הילף אין דעם וואס מיר פאלגן וואס ער זאגט האבן מיר זיך אונטערגעגעבן.

מיר האבן פארמאכט אונזערע אויגן פון צו זעהן ווי אונזער הויז הייבט אן צו פארלירן זיין רוחניות'דיגע אויסזעהן, און ווי מער אונזער גשמיות'דיגע צושטאנד האט זיך פאבעסערט, אזוי האט זיך אונזער רוחניות'דיגע צושטאנד פארערגערט.

מיין ווייב איז געווען די ערשטע וואס האט זיך געכאפט. זעענדיג, ווי אונזערע קינדער הייבן אן צו פארלירן דעם חשק און ווארעמקייט וואס זיי האבן ביז יעצט געהאט צו דאווענען און לערנען, און אנשטאט דעם הערשט א קאלטקייט און א גלייכגילטיקייט, האט זי מער נישט געקענט שווייגן.

כאטש איך בין אויך געווען קלאר אין הארצן טיף ווער עס איז פאראנטווארטליך אויף דעם שרעקליכן מצב, ווען מיין פרוי האט געפאדערט פון מיר מיט א שטארקייט, אז איך זאל מער נישט ערלויבן דעם איד אריבערטרעטן די שוועל פון אונזער טיר, איז מיר שווער געווען איר צו פאלגן. עס איז מיר שווער געווען צו טראכטן פון דעם געדאנק אז די אלעס גוטס וועט זיך מיטאמאל אפשטעלן.

אבער מיין פרוי האט מיך צוגעדרוקט, איידל אבער פעסט, צו ענדיגן דעם שלעכטן קשר. זי האט מיר ערקלערט מיט ווערטער און קלארע באווייזן אז דער ציל פון דעם אלטישקן איז נאר צו חרוב מאכן אונזער היים, טריט נאך טריט, ביז מיר וועלן אינגאנצן פארלירן די אמונה, חלילה, און עס איז זייער מעגליך אז ער איז א שליח פונעם שטן וואס איז מקנא ווי מיר האבן געבויעט אונזער היים און די חינוך פון אונזערע קינדער.

'נישט אומזיסט האט דער מענטש אויסדערוועלט אונז צורעדן דוקא אויף די טעמע פון ברכות', האט מיין ווייב גע'טענה'עט, 'נאר ווייל ער האט פארשטאנען אז ווי לאנג מיר וועלן זיך פירן מיט אונזער הנהגה וועט ער נישט האבן די מעגליכקייט אונז צו באאיינפלוסן, צוליב די יראת שמים וואס רוהט אויף אונז און אונזערע קינדער צוליב די ברכות וואס מען זאגט הויעך אויפן קול און מיט כוונה'.

צוביסלעכווייז בין איך געווארן איבערגעצייגט. טראץ די שווועריקייט און די קלארע ידיעה אז דער שריט וואס איך גיי טוהן וועט צוברענגען אז מיר וועלן זיך צוריקקערן צו די שווערע עקאנאמישע סיטואציע וואס מיר האבן שוין פארגעסן, האב איך געמאכט דעם ריכטיגן באשלוס פארן צוקונפט פון אונזערע קינדער.

אויפצומארגנ'ס, ווען דער אלטער האט זיך באוויזן ביים טיר ווי ער פלעגט אין די לעצטע צייטן קומען יעדן טאג, האב איך אים געזאגט מיט א שטרענגען טאן אז ער האט מער נישט וואס צו קומען צו אונזער שטוב, און פון יעצט און ווייטער וועט אונזער טיר זיין פארמאכט פאר אים.

אין אנהויב האט ער פרובירט ערקלערן, דערנאך סטראשען, און ענדליך האט ער פון אונז צוגענומען אלעס וואס ער האט אין אונז אינוועסטירט, און אנטלאפן מיט א שטארקע זעץ אויפן טיר.

פון דעמאלט ביזן היינט, זענען מיר איבערגעבליבן ארים בגשמיות, אבער רייך ברוחניות.

כדי צו מתקן זיין דעם שלעכטן וועג האבן מיר זיך אונטערגענומען צו פארשטארקן אונזער גוטער מנהג צו זאגן די ברכות הויך אויפן קול און מיט כוונה. און היינט, אסאך יארן נאך דעם אינצידענט, זענען מיר זוכה בחסדי שמים צו שעפן נחת פון אונזערע קינדער און קינד'ס-קינדער ווען אלע גייען אויפן דרך המסורה".

"ווער ווייסט, אפשר די מסירות נפש איז אונז בייגעשטאנען צו זוכה זיין צו דעם גרויסן אור, וואס דער רבי האט געזאגט אז ער האט געזען ביי אונז אין הויז" - האט דער אלטער אויסגעפירט, ווען דער הייליגער 'אור החיים' שאקלט צו מיטן קאפ ווי אן הסכמה.

'איש חסיד היה' עמ' שמח

# כוונה פון אמן

## די חוב פון אינזין האבן

**מען טאר נישט ענטפערן אמן אן כוונה. דערפאר זאל א מענטש נישט מסיח דעת זיין בשעת'ן הערן א ברכה אדער קדיש, כדי ער זאל קענען אינזין האבן ווי עס דארף צו זיין ביים ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

אין מסכת ברכות (מז א) האבן מיר געלערנט: "אין עונין לא אמן חטופה... ולא יזרוק ברכה מפיו", טייטש רש"י: "און מען זאל נישט ארויסזאגן די ברכה מיט א אייליגקייט עס זאל אויסזעהן אויף אים ווי א לאסט, און זאגן די ברכה ווי א געוואוינהייט". אבער פון טור (או"ח קכד) זעהט אויס אז ער טייטש די כוונה פון די ברייתא "נישט זאגן שנעל אן כוונה", און אזוי טייטש דער 'מטה משה' (סי' קע) און דער מהר"ל ('נתיבות עולם' נתיב העבודה פרק יא). נאך דארף מען דא אנצייכענען אויף די ווערטער פון ריש לקיש (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", און לויט די ערקלערונג פון רש"י (שם ד"ה בכל) "בכל כוחו" מיינט בכל כוונתו.

דער זוהר הק' (וילך רפה ב) שרייבט זייער שארף איבער די הארבקייט פון ענטפערן אמן אן כוונה, און אזוי שטייט דארט: "יעדער וואס הערט א ברכה און האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן, אויף אים איז געזאגט געווארן (שמואל-א' ב ל): "ובוזי יקלו". און איז אויך מאריך דארטן אין די הארבקייט פון זיין שטראף. דער רמ"ז אין זיין פירוש אויפן זוהר (שם) ערקלערט די סיבה פארוואס דער וואס האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן איז אריינגערעכנט אין די כלל פון די מבזי ה' און ווערט אזוי שארף באשטראפט: "ווייל עס איז זייער א גרינגע זאך עס פארשטיין און אינזין האבן, ד.מ. די פשוט'ע טייל פון די סודות, אז די ווארט 'אמן' איז גימטריה הוי"ה און א-דני". דער רמ"ז לייגט צו אז לויט די ווערטער פון זוהר הק' אז דער פסוק 'ובוזי יקלו' איז געזאגט אויף דער וואס האט נישט אינזין ביים ענטפערן אמן, פארשטייט מען די כוונה פון דער אר"י וואס זאגט ('פרי עץ חיים' שער כוונת אמן) אז פון די אותיות וואס זענען אין די סופי תיבות פון דער פסוק (תהילים פג יז): "מלא פניהם קלון", קען מען צוזאמשטעלן די ווארט 'אמן'. אין ספר 'יסוד ושורש העבודה' (שער הקרבן פרק ו) שריבט ער אז יעדער וואס זעהט די ווערטער פון זוהר: "פלגי מים תרד עיניו, על לא שמרו עניית אמן כראוי, יומם לא ישכב ולילה לא ינוח, מפחד לבבו אשר יפחד, וממראה עיניו אשר יראה...". אויך איז דער 'יסוד ושורש והעבודה' מעיד אויף זיך אין זיין 'צוואה' (סי' טו): "הייתי נזהר מאוד בעניית אמן אחר כל המברך, בכוונה שכתבתי בחיבורי, היינו שכוונתי באמן השבח מעין הברכה, ולא זרקתי מפי תיבת אמן בלא כוונה, ותזהרו בזה מאוד ומאוד".

אויך דער של"ה (מסכת תמיד אות פ) איז מאריך אין די גרויסקייט פון צוהערן צו א ברכה און שמו"ע כדי צו ענטפערן נאך זיי אמן מיט כוונה, און דאס זענען זיינע רייד: "דער וואס לייגט צו זיין אויער צו יעדע ברכה און ברכה וואס קומט ארויס פון דעם מברך'ס מויל און ענטפערט אמן מיט כוונה אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז גורם אויבן זייער אסאך קדושה, און איז משפיע שפע רב טוב אין אלע עולמות, ווייל ער עפנט די מקור העליון מקור מים חיים, אזוי ווי איינער עפנט די קוואל צו אנטרינקען אלעס וואס עס פעלט אויס אנטרינקען..."

דער מהר"ל (שם) האלט אז אינזין האבן ביים ענטפערן אמן איז ממש לעיכובא, "און אויב ער ענטפערט אמן אן כוונה איז עס אינגאנצן נישט קיין אמן". ווייל דער ענין פון ענטפערן אמן איז א דעקלאראציע פון גלייבן אין די ווערטער פון דער מברך (ראה 'רבינו בחיי שמות יד לא), און "אן כוונה ווערט נישט אנגערופן אמונה".

אין נאמען פון רבי חיים וואלאזשינער ווערט געברענגט אז אויף זאגן אמן אן כוונה - האט ער נישט געטראפן קיין שום לימוד זכות (כתר ראש אות כה). אין ספר 'מנחיל אמונה' (דף ב ע"ב) ערקלערט ער אז די סיבה אויף דעם איז ווייל ענטפערן אמן איז א מצוה וואס גרינגערהייט קען מען מקיים זיין (וכדברי הרמ"ז שהובאו לעיל). נאך ווערט ערקלערט אין ספר 'נפש שמשון' - תפילה (עמ' רמב) ווייל די ווארט אמן האט נישט קיין אייגענע טייטש, און איר גאנצע ענין איז נאר צו באשטעטיגן די ווערטער פון דער מברך, דערפאר אויב ער האט נישט אינזין ביים ענטפערן, איז עס גערעכנט ווי ער האט גארנישט געזאגט. אין נאמען פון הגרי"ז מבריסק ווערט געברענגט אז ער האט ערקלערט אזוי ('כתר מלוכה' עמ' רפו): ענטפערן אמן נאר מיט די ליפן אן כוונה איז "כגוף בלא נשמה" און דערפאר דער וואס ענטפערט אמן אן כוונה איז עס כאילו ער האט גארנישט געזאגט. אנדערשט איז ביים דאווענען וואס איז אקעגן די קרבנות, וואס אויב ער האט נישט אינזין געהאט, קען מען עס צוגלייכן צו א קרבן מנחה וואס קומט פון א דומם וואס האט נישט קיין נשמה (כמבואר ב'כתר ראש' אות כב). און זעה אין 'נועם מגדים' (פרשת משפטים) וואס שרייבט אז א אמן וואס ווערט געענטפערט אן כוונה, ווערט אנגערופן "אמן אלמנה" ווייל זי איז "כגוף בלא נשמה", און די נשמה איז נמשל צו א מאן ווייל זי איז משפיע חיות פאר די קערפער.

אבער דער 'פלא יועץ' שרייבט ('חסד לאלפים' נו א) אז אויך ענטפערן אמן אן כוונה האט א חשיבות און א ווערד, און אזוי זאגט ער: "כאטש ענטפערן אויף קדיש און אמן אן כוונה, איז אסאך ווייניגער פון ענטפערן מיט כוונה, פון דעסטוועגן אויב ער קען נישט אינזין האבן זאל ער ענטפערן, ווייל עס איז דאך זיכער אז די ווערטער טוהט אויף אויבן". און אזוי האט גע'פסק'נט דער 'שבט הלוי' אז מען איז יוצא די חוב פון ענטפערן אמן אויך ווען עס ווערט געזאגט אן כוונה. און דערפאר אין אזא פלאץ וואס מען ענטפערט עטליכע אמנים נאנט איינס צום צווייטן, אזוי ווי ביי "זכרנו ה' אלוקינו בו לטובה..." ביי די תפילה פון "יעלה ויבוא", זאל מען ענדערשט מקפיד זיין צו ענטפערן אלע אמנים, ווי איידער ענטפערן א טייל מיט כוונה ('מבית לוי' קובץ יב עמ' סא).

---



**נְאֻם שֹׁמֵעַ אִמְרֵי אֵ-ל אֲשֶׁר מַחֲזֵה שַׁ-דַּי יֶחֱזֶה" (כד ד)**

**האדמו"ר רבי יעקב משה פון קאמארנא זאגט:**

"נאם" - איז אותיות 'אמן'; דער פסוק איז מרמז אז דער מענטש דארף ענטפערן אמן ווען ער איז "שֹׁמֵעַ אִמְרֵי אֵ-ל", ד.מ. די לויב פון ה' וואס ווערט געזאגט ביי א ברכה [זעה אין רש"י אויף תהילים (צד ד) אז די ווארט 'אמרי' האט אויך א באדייט פון שבח]. און וואס איז די באלוין פון דער וואס איז זוכה צו דעם? "מַחֲזֵה שַׁ-דַּי יֶחֱזֶה" - ער וועט זוכה זיין צו זעהן ווי די שלעכטע גזר דין ווערט צוריסן (ראה שבת קיט ב; תיקו"ז מ א), וואס די שם 'ש-די' איז אויף דעם מרמז,

## גוט צוהערן און ענטפערן אמן

אזוי ווי די חכמים זאגן (תנחומא מקץ י) אז יעקב "האט מתפלל געווען מיטן דערמאנען 'א-ל שד-י' און געזאגט: מי שאמר [ביי בריאת העולם] לשמים וארץ די, יאמר לייסורי די".

אין ספר **'דורות ישרים'** איז דא נאך א רמז אין דער פסוק: דער וואס וויל ענטפערן אמן ["נאם"] מיט כוונה, דארף מקפיד זיין צו זיין "שֹׁמֵעַ אִמְרֵי אֵ-ל" - ד.מ. גוט צוהערן צו די ברכה אן קיין היסח הדעת, ווייל נאר אזוי וועט ער קענען אינזין האבן ווי עס דארף צו זיין ביים ענטפערן אמן (ראה שו"ע או"ח קכד ו).

'שלשלת קאמארנא' עמ' שעד; 'דורות ישרים'

# אוצרות אמונים

## דער חיוב פון השתדלות ביים ענטפערן אמן

### דער וואס ענטפערט אמן אנטפלעקט די אור האמונה

דעם מאמר חז"ל (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ערקלערט אזוי דער מעזריטשער מגיד:

ווען א מענטש זאגט עפעס און איינער פון די צוהערער צווייפלט זיך אין זיינע ווערטער, און עס קומט אן א דריטער און באשטעטיגט זיינע רייד, מאכט ער אז די ווערטער פונעם ערשטן זאל אנגענומען ווערן. דער ענין איז יעדע'ס מאל וואס מען זאגט א ברכה; דער מברך וויל אנטפלעקן השי"ת'ס קעניגרייך אויף דער וועלט, אבער אין קאנטראסט, די גשמיות'דיגע טבע טוהט באהאלטן און צודעקן דעם רוף. דורכ'ן ענטפערן אמן באשטעטיגט ער די ווערטער פון מברך און איז גורם עס זאל זיך אנטפלעקן די אור האמונה אויף דער וועלט.

צוליב דעם האבן די חכמים (שם) צוגעשטעלט דעם מברך צו א פשוטן סאלדאט וואס קען נישט געווינען די מלחמה, און דער וואס ענטפערט אמן צו דעם גיבור וואס זיגט איינגאנצן דעם פיינט. ווייל ווי געזאגט דער מברך ראנגלט זיך מיט די גשמיות'דיגע טבע וואס וויל באהאלטן די אנטפלעקונג פון השי"ת'ס קעניגרייך אויף דער וועלט, און נאר דער וואס ענטפערט אמן העלפט צו און אזוי איז מען זוכה צו אנטפלעקן די אור האמונה אויף דער וועלט. לייגט צו דער מגיד: דורכ'ן אנטפלעקן די אור האמונה איז דער וואס ענטפערט אמן ממשיך שפע און ברכה אויף דער וועלט ('מגיד דבריו ליעקב' מהד' קוריץ תקמ"א דף מג ע"א).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די רעדאקציע פון די גיליון 'וכל מאמינים' און דער וואס שטייט אין שפיץ הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א:

עס איז באקאנט די ערציילונג וואס ווערט געברענגט אין מדרש אין פרשת מצורע (ויק"ר טז ב) אויף דער פעדלער וואס האט זיך געדרייט אין די שטעטעלעך ארום די שטאט צפורי און האט פארגעשלאגן פאר די וואס האבן זיך אינטערעסירט "סם חיים". רבי ינאי האט עס געהערט און האט זיך נאכגעפרעגט אויף די מעדיצין. האט דער פעדלער ארויסגענומען א ספר תהילים און אים געוויזן די פסוקים (לד יג-יד): "מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב; נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה". ווען רבי ינאי האט עס געהערט האט ער זיך אנגערופן: "אלע מיינע יארן האב איך געזאגט דעם פסוק און איך האב נישט געוויסט וואו ווייט עס איז פשוט, ביז דער סוחר איז געקומען". און די פראגע איז באקאנט: וואס האט דער פעדלער מחדש פאר רבי ינאי? ענטפערט מען אז רבי ינאי האט באוואונדערט דעם פעדלער'ס פשוטע אמונה אין די ווערטער פון פסוק, אן קיין ספקות און אן קיין פלפולים. זיין אמונה איז געווען אזוי שטארק, אז ער האט פארגעשלאגן די זאכן אזוי ווי סחורה וואס גייט פון איין סוחר צו א צווייטער, אויסרופנדיג הויך: דער וואס וויל לעבן זאל אפהיטן זיין צונג - אזוי שטייט און אזוי וועט זיין!

עס זעהט מיר אויס, אז דער מאמר ברענגט ריכטיג ארויס אייערע אקטיוויטעטן. אזוי ווי יענער פעדלער וואס דרייט איר זיך ארום אין יעדע ווינקל און פראקלאמירט: "ווען וויל קויפן סם חיים?" איר דערמאנט פאר אלעמען אז חז"ל (ברכות מז א; שבת קיט ב) האבן צוגעזאגט פאר די וואס געבן אכטונג צו ענטפערן אמן אסאך גוטע הבטחות: אריכות ימים; עס עפענען זיך די טויערן; די שלעכטע אורטייל ווערט צוריסן. אזוי ווי עס שטייט וועט זיין, ווייל איין ווארט פון חז"ל פאלט נישט אוועק! די שטענדיגע רוף וואס קומט ארויס פון אייך כסדר, סיי אין די פארעם פון די שיינע בלעטל, וואס אויסער דעם רייכן אינהאלט ברענגען זיי אריין די פולשטענדיגע אמונה אין כח פון ענטפערן אמן, און סיי אין די פארשידענע אקטיוויטעטן וואס זייער גאנצע ציל איז אריינברענגען ביים ציבור די וויכטיקייט פון ענטפערן אמן, דאס אלעס דרינגט אריין טיף אין די הערצער.

דער רמח"ל אין אנהויב זיין הקדמה אויף זיין ספר מסילת ישרים שרייבט: "איך האב נישט פארפאסט דעם חיבור כדי צו אויסלערנען פאר מענטשן דאס וואס זיי האבן נישט געוואוסט, נאר זיי דערמאנען וואס זיי וויסן און איז ברייט פארעפנטליכט צווישן זיי, ווייל אין רוב פון מיינע ווערטער וועסטו נישט טרעפן נאר זאכן וואס רוב מענטשן ווייסן און האבן נישט קיין ספק אין זיי, נאר לויט וואס עס איז באקאנט פאר אלעמען, אזוי טרעפט זיך די פארהוילונג און עס איז גרויס דאס פארגעסן". אויך איר זענט נישט געקומען מחדש זיין און אויסלערנען נייע זאכן, נאר דערמאנען די פארגעסענע זאכן, און ווי איר ברענגט היי יאר אין ענקער חשוב'ן בלעטל אויף יו"ט פסח אין נאמען פון מרן הרב וואזנער וואס האט זיך אנגערופן אז די מצוה איז געווען אין די בחי' פון "שכחום וחזרו ויסדום".

גייט ווייטער מיט אייער כח, זייט ממשיך צו פארגרעסערן די חשיבות פון ענטפערן אמן צווישן כלל ישראל, ביז עס וועט זיין "יִמָּלֵא כְבוֹדוֹ אֶת כֹּל הָאָרֶץ אָמֵן וְאָמֵן".

**מיט רעספעקט און שעצונג**
**יום טוב פרידמאן**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102 אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### רבינו יעקב בעל הטורים

#### י"ב תמוז ה"א ק"ג



א געדענקעניש 'מציבה' פאר רבי יעקב בעל הטורים וואס איז געשטעלט געווארן דורך די 'אהלי צדיקים' ארגאניזאציע אויפן אידישן בית החיים אויפן אינזל כיוס.

רבי יעקב, דער דריטער זון פונעם רא"ש, איז געבוירן אין דייטשלאנד לערך אין יאר ה' אלפים כ"ט. ער האט געלערנט תורה פון זיין גרויסן פאטער וואס ער דערמאנט אים אסאך אין זיינע ספרים. צוזאמען מיט זיין פאטער האט ער געוואנדערט קיין ברצלונה (בארסעלאנא) וואס איז אין שפאניע און נאכדעם האט ער זיך באזעצט אין די שטאט טאלעדא.

רבי יעקב איז באקאנט מיטן נאמען 'בעל הטורים' צוליב זיין ספר הלכה וואס ער האט געשריבן, וואס ווערט צוטיילט אויף פיר 'טורים': אורח חיים, יורה דעה, חושן משפט און אבן העזר. אזוי אויך האט ער מחבר געווען א פירוש על התורה, ווען אנהויב יעדע פרשה שרייבט ער פארשידענע פרפראות און גימטריות. די דרוקער'ס פון די חומשים האט געדרוקט נאר די פרפראות און די גימטריות אונטערן נאמען 'בעל הטורים'.

טראץ זיין גרויסקייט האט ער נישט געוואלט אננעמען א רבנות פאסטן, און האט געלעבט א ארימע לעבן אזוי ווי ער דערציילט אויף זיך אין זיין ספר (טור או"ח רמב). אויף זיין מצבה איז אויסגעקריצט "כל ימיו היו מכאובים וסבל יסורים בחיבה".

עס זענען דא פארשידענע מיינונגען איבער די פלאץ פון זיין פטירה און קבורה, טייל האלטן אז ער איז נפטר געווארן און אויך באערדיגט אין טאלעדא, און עס טאקע באקאנט אז אויפן אידישן בית-עולם אין טאלעדא איז געווען א מצבה וואס זיין נאמען איז געווען אויסגעקריצט אויף דעם. אבער דער חיד"א שרייבט ('שם הגדולים' מערכת י' אות רח) שרייבט אז רבי יעקב איז נפטר געווארן אויפן וועג קיין ארץ-ישראל און איז באערדיגט געווארן אין דעם גריכישן אינזל כִּיוֹס.

### אכטונג! אמן קצרה

**די חכמים זאגן** (ברכות מז א): **"כל המאריך באמן - מאריכים לו ימיו ושנותיו". דער טור** (או"ח קכד) **לייגט צו די גרסא וואס אסאך ראשונים זענען אזוי גורס דארט אין גמרא: "העונה אמן קצרה - יתקצרו ימיו". דערפאר זאל דער מענטש אכטונג געבן נישט ארויסזאגן שנעל די אמן, נאר ער זאל עס ציעהן וויפיל צייט עס געדויערט צו זאגן 'א-ל מלך נאמן'** ('בית יוסף' שם).